און דורך דעם ענין השמחה איז מען פורץ גדר[47],

ביז דאס ברענגט אז בשעתא הדא וברגעא חדא[48] ווערט דער נגאלין[49], די גאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

* * *

יח. אין דער התוועדות פון כ"ד טבת האט מען אויך גערעדט וועגן דעם שיעור חומש פון כ"ד טבת, פון רביעי ביז חמישי אין פ' וארא.

וואס וויבאלד אז בשבת ווערן נתעלה און נשלם די ענינים פון די ששת ימי השבוע שלפנ"ז (כנ"ל) - איז כאן המקום צו משלים זיין וואס עס האט זיך דעמולט גערעדט.

אין דעם שיעור חומש רעדט זיך וועגן מכת דם און מכת צפרדע, און פאר דעם וועגן דעם מופת פון מטה אהרן - "וישלך אהרן את מטהו לפני פרעה ולפני עבדיו ויהי לתנין (נחש[50]).

תורה איז דאך "בפירושה ניתנה"[51], איז צוזאמען מיט די פסוקים פון דעם שיעור חומש אויך נעגעבן געווארן וואס עס שטייט אין מדרש אויף די פסוקים.

בנוגע צו מכת צפרדע שטייט אין מדרש[52]: "אלולי הצפרדע היאך הי' (הקב"ה) פורע מן המצריים הה"ד[53] הנה אנכי נוגף וגו'".

וואס דאס קומט אין מדרש בהמשך להאמור לפני זה:

דער מדרש שטעלט זיך אויף "ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה גו' ואם מאן אתה לשלח הנה אנכי נוגף את כל גבולך בצפרדעים וגו'"[54], און ברענגט דעם פסוק[55] "ויתרון ארץ בכל הוא", און איז מפרש: "רבותינו אמרין מהו ויתרון ארץ בכל הוא, אפילו דברים שאתה רואה אותן כאילו הם מיותרין בעולם כגון זבובים ופרעושים ויתושין, הן היו בכלל ברייתו של עולם כו' ורבי אחא ב"ר חנינא אמר אפילו דברים שאתה רואה אותן כאילו הן מיותרין בעולם כגון נחשים ועקרבים, הן היו בכלל ברייתו של עולם. אמר להן הקב"ה לנביאים מה אתם סבורים אם אין אתם הולכין בשליחותי וכי אין לי שליח, ויתרון ארץ בכל הוא אני עושה שליחותי אפי' ע"י נחש אפילו ע"י עקרב ואפילו ע"י צפרדע, תדע לך שאלולי הצרעה (אזא מין שפין וואס גיט ארוים אן ארס, סם, און דערמיט הרג'ט ז"ז[56]) היאך הי' הקב"ה פורע מן האמוריים, (און ער איז

- מסיים): -

מסיים:) ואלולי הצפרדע היאך הי׳ פורע מן המצריים הה"ד הנה אנכי נוגף וגו׳".

דארף מען פארשטיין: וואס הייסט "אלולי הצרעה היאך הי׳ הקב"ה פורע מן האמוריים, ואלולי הצפרדע היאך הי׳ פורע מן המצריים" - צי דען האט עס דער אויבערשטער ניט געקענט טאן באופן אחר?!

יט. בשלמא בנוגע צו צרעה קען מען נאך פארענטפערן בדוחק:

די צרעה וואס איז געווען בימי משה וואס דער אויבערשטער האט געשיקט אויף די אמוריים "לא עברה את הירדן"[57], נאר זי איז געווען בעבר הירדן מזרחה, און פון דארטן האט זי ארויסגעשיקט איר ליחה און סם צו די אמוריים אויף צד הירדן מערבה און בא זיי געמאכט א חורבן, און דורך דערויף איז געווען גרינגער זיי איינצונעמען, ווי דאס איז געווען בגשמיות בפשטות, ועאכו"כ ווי דער ענין איז ברוחניות - ד.ה. אז די צרעה איז געקומען פאר דעם ווי אידן זיינען אריבער דעם ירדן אין פאר כיבוש יריחו, פריער ווי אידן האבן בכלל געהאט צו טאן און מלחמה האבן מיט די אמוריים.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק (בדוחק) ווי מ׳קען זאגן "אלולי הצרעה היאך הי׳ הקב"ה פורע מן האמוריים" - ווארום די צרעה איז געקומען פאר אלע ענינים, און האט אויפגעטאן א חורבן בא די אמוריים נאך איידער ס׳איז עפעס געטאן געווארן צו זיי באופן אחר.

כאטש לפי"ז דארף מען נאך אלץ האבן ביאור פארוואס מ׳האט געדארפט אנקומען צו צרעה דוקא, און פארוואס איז ניט גענוג געווען דער שפעטערדיקער כיבוש יריחו ע"י יהושע מיט די כהנים און דעם ארון וכו׳, און דערנאך מלחמת ישראל מיט די גוים.

אבער בנוגע צו מכה צפרדע - איז דאך דאס געווען ניט די ערשטע מכה און ניט די לעצטע מכה וואס דער אויבערשטער האט געשיקט אויף מצרים, פאר צפרדע איז געווען מכת דם און נאך פאר דעם איז געווען דער ענין וואס מטה אהרן "ויהי לתנין" - אבער דאס איז ניט געווען קיין מכה וואס האט פורע געווען מן המצריים. נאר דאס איז געווען א כופה בכדי אז די מצריים זאלן זיך כאפן צום אמת, און נאך צפרדע זיינען געווען אלע מכות מיט וועלכע הקב"ה נפרע במצרים - איז ווי קען מען זאגן אז "אלולי הצפרדע היאך הי׳ פורע מן המצריים"?!

- ובפרט -

ובפרט נאך אז די ערשטע מכה, פאר מכת צפרדע, מכת דם - האט פורע געווען אין רער עיקר פון מצרים, אין אלקיהם, ווי עס שטייט אין מדרש[58]"למה לקו המים תחלה בדם מפני שפרעה והמצריים עובדים ליאור", "לפיכך הלקה את יראהם ואח"כ הלקה אותם", מיט דעם גאנצן שטורעם שבזה, אז זיי האבן ניט געהאט קיין וואסער צום טרינקען, סיידן זיי האבן דאס געקויפט בא די אידן וכו'[59] מיט די אלע פרטים וואס ווערן דערציילט אין מדרש - איז היתכן אז "אלולי הצפרדע", וואס איז געקומען ערשט נאך מכה דם, "היאך הי' פורע מן המצריים"?

און פון דעם הסבר בזה דארף מען אויך ארויסנעמען א הוראה פאר אונז.

כ. וי"ל הביאור בזה בדא"פ - ובהקדם החילוק צווישען מכת דם און מכת צפרדע וואס זיי האבן אויפגעטאן אין מצרים:

מכת דם איז געווען אין די מים פון מצרים, אין נהר נילוס, ווי עס שטייט אין פשטות הכתובים,

וואס מים איז א דבר הכרחי, ווארום אין דעם איז תלוי די חיות פון מין המדבר, מין החי און מין הצומח,

און דערפאר האבן טאקע פרעה און די מצריים געדינט צום נילוס און געמיינט אז דאס איז זייער ג-ט, ווארום מצרים איז א לאנד וואו עס פאלט ניט קיין רעגען און די צמיחה פון תבואה וכו' און אלע וואסערן פון לאנד קומען נאר פון דעם נהר נילוס, וואס ער איז עולה און משקה די פעלדער[60], און מאכט וואקסן תבואה, זייער מקור החיות והפרנסה, כמ"ש[60*]"לחם לבב אנוש יסעד", נוסף לזה וואס זיי מוזן האבן מים צום טרינקען, אין וואס ס'איז תלוי חיותם כנ"ל.

ד.ה. א מכת דם איז געווען אין דעם עיקר ויסוד וקיום פון מצרים.

ובפרט נאך ע"פ קבלה וחסידות, וואס זיינען מבאר אז די מצריים האבן געדינט צום נילוס ווייל ער איז טאקע געווען מקור ההשפעה שלהם מלמעלה, בגשמיות ובפרט ברוחניות,

און ווי עס שטייט[61]"ונהר יוצא מעדן להשקות הגן ומשם יפרד והי' לארבעה ראשים שם האחד פישון גו'", וואס "פישון הוא נילוס נהר מצרים כו'"[62], וואס בחי' "עדן" איז דער מקור כל ההשפעות, און דערפון ווערט נמשך א נהר,

- וואס -

וואס דורך אים ווערן נמשך אלע השפעות ביז עס קומט אן אין "גן", און דערנאך איז "ומשם יפרד", און עס ווערט נתחלק לד' נהרות, ביז עס קומט אראפ למטה אין נהר פישון, וואס דאס איז נילוס שר של מצרים, און פון אים באקומט מצרים אלע אירע השפעות[63].

און אין דעם נהר נילוס, אין דעם עיקר יסוד וקיום פון מצרים איז געווען מכת דם.

מכה צפרדע איז געווען א מכה פונקט אין דער קצה ההפכי:

ניט נאר וואס די מכה איז ניט געווען אין דעם עיקר פון מצרים, און ניט נאר אין אן ענין טפל - נאר די מכה איז געווען (ווי עס שטייט אין מדרש הנ"ל) אין א זאך וואס איז גאר א יתר, אן איבעריקע זאך, א זאך וואס האט ניט קיין שום תועלת, ואדרבה - "כל יתר כנטול דמי"[64]. א צפרדע איז א דבר מאוס ובזוי איז אין דעם געווען די מכה און דערמיט האט מען געשלאגן די מצריים.

וויבאלד אבער אז עס האט געדארפט זיין "וינצלו את מצרים"[65] - האט מען געדארפט אויפטאן א בירור אין אלע זייערע ענינים, ניט נאר אין ענינים עיקרים און ניט נאר אין ענינים טפלים, נאר אויך אין זייערע ענינים וואס זיינען לכאורה מיותרים, און נאך מער דברים מאוסים וטפלים. דערפאר האט געדארפט זיין מכת צפרדע.

כא. והביאור בזה (פארוואס עס האט געדארפט זיין די צוויי מכות, מכת דם און מכת צפרדע, אויף מצרים) בפרטיות:

קליפת* מצרים (פרעה) איז ערגער ווי די קליפה פון שאר אוה"ע - וואריום אלע אוה"ע "קרו ליה אלקא דאלקיא" (ווי די גמרא זאגט אין סוף מנחות[66]), משא"כ פרעה האט געזאגט[67] "לי יאורי ואני עשיתני", וואס דאס איז ע"ד ווי מציאותו מעצמותו וואס איז נאר בא עצמות ומהות וואס "אינו עלול מאיזה עילה שקדמה לו ח"ו"[68], וואס בפשטות איז דאס פארקערט פון קרו ליה אלקא דאלקיא, וואס ער איז מודה אז דער אייבערשטער האט אים מהווה געווען, נאר אויך ער איז אן אלוקה.

עס ווערט אבער נתבאר אין דער דרוש תער השכירה (פון דעם אלטן רבי'ן מיט הגהות והוספות פון צ"צ (געדרוקט אין דרמ"צ[69]), אז אויך פרעה האט מודה געווען אז דער אייבערשטער איז אלקא דאלקיא (משא"כ סנחריב איז געווען חמור מפרעה, וואס ער האט ניט מודה געווען אז דער אייבערשטער איז

- אלקא -

---

*) לשלימות הענין - ראה שיחת ש"פ בשלח.

אלקא דאלקיא) - וואס דאס איז ביי ביר אלעבאל געווען ניט פארשטאנדיק: צו זאגן אז פרעה קרי לי' אלקא דאלקיא איז לכאורה א סתירה צו זיין זאגן "לי יאורי ואני עשיתני", אז ער האט זיך אליין געמאכט?!

ביז איך האב געפונען אז דער צ"צ שרייבט* בנוגע צו פרעה אז ער האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתני רק דקרו לי' אלקא דאלקיא", ד.ה. ער ברענגט בידע ענינים צוזאמען**,

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק אז ס'איז קיין סתירה ניט צווישען זיי. וי"ל הביאור בזה:

קרו לי' אלקא דאלקיא קען מען לערנען אויף צוויי אופנים: א) אז ער גלויבט אז אלקא דאלקיא האט אים מהווה געווען און אן אים איז ער כלל ניט קיין מציאות, נאך דערויף וואס ער איז נתהווה געווארן איז ער א מציאות לעצמו ובהוקף און האט כח כו': ב) ער זאגט אז ער האט זיך אליין מהווה געווען, ד.ה. אז מציאותו מעצמותו (ח"ו), נאר (מצד איזה סיבה צדדית) איז דא א צווייטער כח וואס איז שטאקער פאר אים, וואס דאס איז אלקא דאלקיא, און דעריבער האט ער פאר אים מורא.

און ווי פארשטאנדיק פון דער משל וואס ווערט געבראכט אין דרוש תער השכירה לענין קרו לי' אלקא דאלקיא פון אן "עבד המורד באדונו דגם שמורד ואינו רוצה לישא עול אדוניו -

----

*) אוה"ת שמות ח"ז ע' ב'תרו.

וכ"ה גם בתו"א נז, א. אבל באוה"ת שם הועתק לשון זה מתו"א בהוספות בי' וענינים. ובלקו"ת שה"ש כ, ריש ע"א (ושם הוא הגה"ה מהצ"צ) - בלי כל ביאור כלל.

**) גם בתניא ספכ"ב (כח, א) הובאו ב' הענינים ד"יאור לי ואני עשיתני" ו"קרו לי' אלקא דאלקיא" בהמשך זל"ז -

אבל מפורש שם עוד יותר מסנחריב ועכ"פ (י"ל בדוחק) כסנחריב - "אני <u>ואפסי עוד</u> וכמאמר יאור לי ואני עשיתני" - וכנראה ששם מחלק בין "עיקר ושרש ע"ז" - דקרו לי' אלקא דאלקיא.

אדוניו מ"מ יודע ומודה שהוא עבד והוא אדונו ומלכו רק שאינו חפץ להיות בביטול אליו" .

וואס דער עבד איז דאך ניט נהווה געווארן ע"י האדון (ער איז געבארן געווארן צו אן אנדער איש ואשה), נאר מצד א סיבה איז ער געווארן דעם אדון'ס עבד, און צוליב יראת הרצועה אדער יראת העונש האט ער פאר דעם אדון מורא.

עפ"ז קען מען זאגן אז פרעה האט מודה געווען אז דער אויבערשטער איז אלקא דאלקיא כאופן הב' (און שאר אוה"ע זיינען מודה אז דער אויבערשטער איז אלקא דאלקיא כאופן הא'), און דערפאר איז קיין סתירה ניט צווישן פרעה'ס הודאה אין אלקא דאלקיא מיט זיין זאגן "לי יאורי ואני עשיתני", ווארום עס קענען זיין ביידע זאכן צוזאמען.

כב. עפ"ז וועט מען פארשטיין פארוואס דער אויבערשטער האט אנגעשיקט די צוויי מכות, מכת דם און מכת צפרדע, אויף מצרים:

די מצריים האבן טאקע מודה געווען אז דער אויבערשטער איז אלקא דאלקיא, זיי האבן אבער געהאלטן אז (אויך) דער נהר נילוס איז אלקא, א מציאות לעצמו וואס האט אן אייגענע תוקף וכח כו' (ס'איז נאר וואס דער אויבערשטער איז אלקא דאלקיא, אבער דאס איז ניט שולל די מציאות וכח פון דעם נהר), ווארום פון דעם נהר האבן זיי באקומען זייער חיות וקיום, און אין דעם איז באשטאנען זייער עיקר מציאות, כנ"ל.

אויף דעם איז געקומען מכת דם, וואס איז געווען דוקא אין די ענינים הכרחיים פון די מצריים, זייער מים - בכדי צו באווייזן זיי אויף וויפל דער אויבערשטער איז בעה"ב אויף זיי, אז ער איז ניט נאר אלקא דאלקיא (כדעתם), נאר ער איז דער גאנצער בעה"ב אויף זייער עצם מציאות, עד כדי כך אז די גאנצע מים זייערע, דער מקור החיות וההשפעה שלהם, ווערט אויס מים און ווערט דם,

ד.ה. אז די מכה האט באוויזן צו מצרים אז דער אויבערשטער איז ניט נאר אלקא דאלקיא, שם אלקים, ווי פרעה האט בא'טענה'ט[71] "לא ידעתי את ה'", ער ווייס פון דעם שם אלקים, אבער ניט פון שם הוי', נאר "וידעו מצרים כי אני ה'"[72].

כג. אין קליפת מצרים איז אבער געווען (ניט בלויז ווי בא שאר אוה"ע וואס קרו לי' אלקא דאלקיא, נאר אויך) אן

- ענין -

ענין מיוחד וואס איז ערגער ווי בא שאר אוה"ע - דער ענין פון (ווי פרעה האט געזאגט) "לי יאורי ואני עשיתני", דער הרגש אז מציאותו מעצמותו (ח"ו).

וואס דערפאר האט געדארפט זיין די מכה פון צפרדע, וואס דוקא די מכה האט שולל געווען דעם ענין פון "לי יאורי ואני עשיתני" (און דעריבער "אלולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצריים").

והביאור בזה:

א צפרדע איז דאך לכאורה א דבר מיותר ווי עס שטייט אין מדרש, כנ"ל, וואס "כל יתר כנפול דמי", און דערצו איז דאס א דבר מאוס ובזוי כו' - אעפ"כ זאגט מען א כלל אז "לא ברא הקב"ה דבר אחד בעולמו לבטלה"[73], און דאס איז "אני נבראתי לשמש את קוני"[74], און "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא אלא לכבודו"[75], דארף דאס א איד אויסנוצן אין עבודהו לקונו, וואס דאס איז כולל אויך דברים וואס זיינען לכאורה מיותרים און דברים מאוסים כו', אז כל מציאותם איז צו מקדש זיין שם שמים, און דורך דעריף מגלה זיין אלקות.

ס'איז אבער פארשטאנדיק אז בשעת א דבר מיותר כו' ווי א צפרדע איז מגלה אז "לא ברא אלא לכבודו" און דאס איז מגלה אלקות - איז דאס באי"ע א גרעסערער גילוי אלקות ווי בשעת מ'זעט אין א דבר הכרחי אין וועלט, א דבר וואס מ'מוז האבן בכדי צו לעבן (ווי מים, כנ"ל) און דאס איז מקדש שם שמים און מגלה אלקות - ווארום דאס באווייזט ווי אלקות נעמט אדורך אפילו דברים וואס זיינען מיותרים און דברים מאוסים וכו' פון וועלט, וואס דאס באווייזט אויף דער טיפקייט פון דער גילוי אלקות.

איז אין עולם האצילות דארף מען ניט באווארענען אז אויך דברים מיותרים און דברים מאוסים וכו' זיינען "לא ברא אלא לכבודו"; אפילו אין עולמות בי"ע, דארף מען דאס אויך ניט באווארענען, און ניט נאר אז מ'דארף דאס ניט באווארענען אין עשי' רוחנית, נאר אפילו אין עשי' גשמיות, און נאך נידעריקער דערפון - עשי' חומרית דארף מען דאס אויך ניט באווארענען;

וואו דארף מען דאס באווארענען - דוקא אין עולם העשי' חומריות גופא, אין דער דרגא הכי תחתונה דארטן גופא - וואס דאס איז ארץ מצרים, וואו ס'איז דא דער

- הרגש -

הרגש פון "לי יאורי ואני עשיתני" – איז דוקא דארטן דארף מען פודע זיין מיט צפרדע, וואדום דוקא דארטן דארף מען באווייזן אז יעדער זאך בעולם, אפילו א דבר מיותר אדער א דבר מאוס וכו' – נעמט זיך פון דעם אויבערשטן, און דאס איז "לא ברא אלא לכבודו" – נאר צו מקדש זיין שם שמים און דורך דערויף מגלה זיין אלקות בעולם.

וואס אין דברים טובים וקדושים איז ניט אזא חידוש צו זאגן אז זיי זיינען מגלה אלקות, דוקא אין דברים מיותרים און דברים מאוסים ובזויים כו' איז א חידוש גדול ביותר צו זאגן, אז ניט נאר וואס מ'איז זיי ניט מבטל, נאר מ'איז זיך מיט זיי משתמש לשם שמים – צו פורע זיין אין מצרים פאר ניט פאלגן וואס דער אויבערשטער האט זיי געהייסן.

איז בא כנען וואס בא זיי איז ניט געווען "לי יאורי ואני עשיתני" – האט מען דערצו ניט געדארפט אנקומען; משא"כ אבער בא מצרים וואס בא זיי איז דא דער הרגש פון "לי יאורי ואני עשיתני" האט מען דערצו געדארפט אנקומען,

ואדרבה – דוקא דורך דערויף האט מען שולל געווען דער ענין אין וואס מצרים טיילט זיך אויס פון שאר אוה"ע – וואס דעריבער איז "אלולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצריים": דוקא בשעת ס'איז געווען מכת צפרדע האט מען געקענט זאגן אז מ'האט פורע געווען אין מצרים, וואס בא זיי איז "לי יאורי ואני עשיתני".

משא"כ די אנדערע מכות האבן אויפגעטאן אנדערע ענינים: מכת דם האט אויפגעטאן אין די דברים הכרחים פון די מצריים וואס אין דעם איז באשטאנען עיקר מציאותם, פונקט דער קצה ההפכי פון מכת צפרדע (כנ"ל ס"ב), ועד"ז די אנדערע מכות, ווי מכת ערוב און מכת בכורות, זיינען געווען אין ענינים עיקריים פון די מצריים, ובפרט מכת בכורות – וואדום די בכורי מצרים זיינען די וואס זיינען דער תוקף און מובחר פון די מצריים[76].

כד. לפי"ז ווערט אבער א שאלה:

מכת צפרדע איז לכאורה ניט געווען די איינציקע מכה אין א דבר מיותר, א דבר בזוי ומאוס – מכת כנים און מכת ארבה זיינען לכאורה אויך אין אזעלכע ענינים –

– איז –

איז פארוואס "אלולי הצפרדע היאך הי' פורע מן המצריים"?

איז בנוגע צו ארבה באמת קיין שאלה ניט - ווארום ארבה איז א מאכל אדם וואס ווערט דם ובשר כבשרו[77], ביז אז עס זיינען דא מיני ארבה וואס זיינען כשר (זיי האבן סימנים כו'[78]), וואס א איד קען זיי אויך עסן, און עס זיינען דא מיני ארבה וואס 'זיינען ניט כשר, אבער אויך זיי זיינען א דבר מאכל וואס א ניט איד קען עסן.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז ארבה איז ניט קיין ענין מיותר ודבר מאוס כו'.

מ'דארף אבער פארשטיין בנוגע צו מכת כנים, וואס לכאורה איז כנים א דבר מיותר כו'?

איז דער ביאור בזה:

ס'איז ידוע דער מאמר פון דעם אלטן רבי'ן (און צ"צ)[79] אויף דער מאמר הגמרא אין בבא בתרא[80]"רבי בנאה. הוה קא מציין מערתא כי מטא למערתא דאברהם אשכחי' לאליעזר עבד אברהם כו' א"ל מאי קא עביד אברהם, א"ל גאני בכנפה דשרה וקא מעיינא לי' ברישי'", אז שרה האט דאס געטאן בכדי ארויסצונעמען די כנים פון שערות אברהם.

איז אויב כנים וואלטן געווען א דבר מיותר - וואלט די מציאות פון כנים ניט געקענט זיין ביי אברהם'ן, און מ'וואלט ניט געדארפט אנקומען אז שרה זאל זיי אויסרייניקן.

איז פארשטאנדיק אז כנים האבן א שייכות צו מעלה און שלימות. והביאור בזה:

בשעת עס ווערן נשלט שערות וצפרנים פון א מענטשן באווייזט דאס אויף שלימות האדם, ווארום דאס איז א סימן אז ער איז א בר קיימא[81], און דוקא ווען ס'איז דא די שלימות פון שערות ביי א מענטשן, ווערט דערפון פסולת, און פון די פסולת ווערט נתהווה כנים (כמבואר אין דעם מאמר הנ"ל).

איז דערפון פארשטאנדיק, אז אע"פ וואס כנים איז טאקע פסולת וכו' - קען מען דאס אבער ניט אנרופן א דבר מיותר לגמרי, ווארום דאס ווערט פארט פון שלימות האדם, פון דער שלימות פון שערות.

כה, די הוראה מהנ"ל אין עבודת האדם:

יעדער איד האט זיין מקור פאר פרנסה, וואס דאס איז

- נעגליכן -

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>